**Är du utsatt för våld i en nära relation? - Jiddisch**

# צי ביסטו אַ קרבן פֿון משפּחה־רציחה?

משפּחה־רציחה קען זײַן עטלעכע זאַכן. אַ מאָל האַנדלט עס זיך מיט אַ רציחהדיקן פּאַרטנער. אַ מאָל מיט אַנדערע קרובֿים. עס קען אויך זײַן אַז די עלטערן זײַנען קרבנות ווען אַ קינד איז רציחהדיק. די רציחה קען זײַן פּסיכיש, פֿיזיש און סעקסועל. עס קען למשל זײַן אַז עמעצער:

- דיר זידלט אָדער זאָגט אַז דו ביסט אַ נודניק
- דיר רוקט, שלאָגט, בריקעט אָדער טוט דיר ווײ אויף אַנדערע אופֿנים.
- דיר קאָנטראָלירט און באַגרענעצט, צווינגט דיר צו טאָן זאַכן דו ווילסט ניט טאָן
- דיר צווינגט צו פֿאַרענדערן דײַן אויפֿפֿיר אָדער לעבן־סטיל
- דיר צווינגט צו טאָן עפּעס סעקסועל
- נעמט דעם קאָנטראָל איבער דײַן עקאָנאָמיע

**דו האָסט אַ רעכט צו באַשיצונג און אונטערשטיצונג**

אַלעמען קען ווערן אַ קרבן פֿון משפּחה־רציחה. אַ קרבן זאָל קריגן אינפֿאָרמאַציע, באַשיצונג און אונטערשטיצונג און מע זאָל זײַן דרך־ארצדיק און עמפּאַטיש ווען מע באַקענט זיך מיט אים. דאָס איז אַ רעכט. אויב דו האָסט קינדער האָבן אויך זיי אַ רעכט צו אונטערשטיצונג.

**דו קענסט קריגן הילף מיט:**

- שטיציקע שמועסן
- באַשיצונג און דערוויַליקער וווינונג
- עקאָנאָמישער אונטערשטיצונג
- שטיץ אין פֿאַרבינדונג מיט מלוכישע אינסטאַנצן, למשל מיט דער פּאָליציי

שטעל זיך אין פֿאַרבינדונג מיט אונדז כּדי צו באַקומען הילף. דו קענסט זײַן אַנאָנים אויב דו ווילסט.

טאָמער עס איז אַ נויטפֿאַל, קלינג אַלע מאָל אָן 112.

**קאָנטאַקטיר:**

- **אינסטאַנץ:** Vuxenenhetens mottagningsgrupp
- **טעלעפֿאָן־נומער:** 08-58169000
- **וועב־זײַטל::** www.upplands-bro.se
- **אַדרעס::** Furuhällsplan 1, Kungsängen

# אנדערע אין דער קאָמונע וועלכע באָטן אָן אונטערשטיצונג

דאָ איז די קאָנטאַקט־אינפֿאָרמאַציע צו אַנדערע אין דער קאָמונע וועלכע קענען דיר אונטערשטיצן, למשל קליניקעס, האַרבעריק פֿאַר פֿרויען אָדער האַרבעריק פֿאַר קרבנות

- **אינסטאַנץ:** Kvinnojouren Anna
- **בליצפּאָסט־אַדרעס:** info@kvinnojourenanna.se
- **טעלעפֿאָן־נומער:** 08-58240999
- **וועב־זײַטל::** www.kvinnojourenanna.se

**Nationellt stöd - Jiddisch**

# נאַציאָנאַלע אונטערשטיצונג

**Kvinnofridslinjen 020-50 50 50**

נאַציאָנאַלער שטיץ־טעלעפֿאָן פֿאַר דיר וואָס האָסט איבערגעלעבט סוראַשונקעס אָדער רציחה. דו קענסט אָנקלינגען אויך אויב דו רעדסט ניט קיין שוועדיש. דער קלונג איז בחינם און מע זעט עס ניט אויף דער טעלעפֿאָן־רעכענונג. דו קענסט זײַן אַנאָנים.

[www.kvinnofridslinjen.se](http://www.kvinnofridslinjen.se)

**BRIS 116 110**

שטיץ־טעלעפֿאָן פֿאַר די יונגע. מע קען אויך טשעטן אָדער שיקן בליצבריוון. דו קענסט זײַן אַנאָנים.

[www.bris.se](http://www.bris.se)

**RFSL:s brottsofferjour 020-34 13 16**

שטיץ־טעלעפֿאָן פֿאַר דיר וואָס איז האָמאָ־סעקסועל, בי־סעקסועל, אַ טראַנס־פּאַרשוין אָדער קוויר און איז אַ קרבן פֿון אַ פֿאַרברעך אָדער רציחה.

[/www.rfsl.se/brottsoffer](http://www.rfsl.se/brottsoffer)

**Terrafem 020-52 10 10**

שטיץ־טעלעפֿאָן פֿאַר דיר וואָס איז אַ קרבן פֿון רציחה. דו קענסט קיגן אונטערשטיצונג אויף עטלעכע שפּראַכן. דער קלונג איז בחינם און מע זעט עס ניט אויף דער טעלעפֿאָן־רעכענונג. דו קענסט זײַן אַנאָנים.

[www.terrafem.org](http://www.terrafem.org)

**Brottsofferjouren 0200-21 20 19**

שטיץ־טעלעפֿאָן פֿאַר דיר וואָס איז אַ קרבן פֿון אַ פֿאַרברעך. דו קענסט אָנקלינגען אויך אויב דו רעדסט ניט קיין שוועדיש.

[www.boj.se](http://www.boj.se)